# SOLTLIP PLACE. סאלטליפ פלאַץ.

ארום סאלטליפ פלאץ וואהנען נאהענט פון 600 ענגלישע פאמיליעס, האט א סקוהל און פיעלע סטארס.

סאלטליפ פלאץ איז דער מיטעלפונקט צווי־שען וויניפעג און טראנסקאנא

די קאר וועט בעשטימט דורכגעהן אויף מאנראו עוועניו וועלכע איז די פרינציפאל סטריט פון סאלטליפ פלאץ.

די לאטס אין סאלטליפ פלאץ זיינען 25x142 ד. ה. אנדערהאלבען מאל אזוי לאנג ווי אלע אנדערע לאטס ארום דיזען פלאץ

לאטס פון און ארום סאלטליפ פלאץ ווערען פערקויפט צו 14 און 16 דאלאר א פוס.

**אונזערע פרייזען זיינען נור**

**250 דאלאר א לאט.**

קעש 50 דאלאר און די איבעריגע אויף לייכטעסטע אבצאהלונגען.

יעדער לאט איז גאראנטירט צו זיין טרוקען און הויך און האבען א טארענס טייטעל




**אויב איהר ווילט אַ זיכערע אינוועסטמענט, דאַן קויפט לאטס אין סאלטליפ פלאַץ.**

סאלטליפ פלאץ. איז פערנומען פון א סאב דיוויזשיאן וועלכען נור די פירמע זאלצמאן און ליפשיץ האבען צו פערקויפען.

די פאטאגראפיע, וועלכע איהר זעהט דא איז א ריכטיג בילד פון דעם פלאץ אדער ריכטי־גער, א קליינע טהייל פון פלאץ און ווי איהר ווייסט זאגט דער פאטאגראפישער אפאראט קיין ליגען ניט. עס איז אבער ניט נויטיג איהר זאלט אפילו דעם אפאראט גלויבען ווען איהר פערזענליך קענט זעהן דעם פלאץ. טעלעפא־נירט אונז אב און אונזער ריג אדער אויטא־מאביל וועט אייך צופיהרען צום פלאץ.

סאלטליפ פלאץ איז 15 מינוטען רייזע פון אונזער אפיס 872 מיין סטריט

מיר האבען אין גאנצען 75 לאטס און דערום איילט זיך צו און זייט ניט פון יענע וועלכע זאגען אימער, אז ווען איך זאל געווען קויפען א לאט, וואלט איך דאך יעצט רייכער געווען מיט עטליכע הונדערט דאלאר. געדענקט אז די וועלכע זאגען אזוי מאכען קיינמאל קיין סוקסעס אין לעבען

מיר מאכען אויפמערקזאם אונזערע פריינד בעקאנטע און אונבעקאנטע אז א דאנק דעם וואס אונזערע ביזנעס זיינען פיעלפאך פערגרעסערט געווא־רען, האבען מיר געמופט אין א גרעסע־רען און בעקוועמערען אפיס.

**געדענקט אז אונזער אפיס איז אין 872 מיין סטריט.**

אין אונזער אפיס ווערען געמאכט אלערהאנד פלאנען פון בלאקס, קאטע־דזשעס, סטארס און מאדערנע הייזער אונטער דער דירעקטער אויפפאסונג פון ח. זאלצמאן וועלכער איז א גרא־דואירטער סיוויל אינזשינער

מיר האבען דעם גרעסטען אויסוואהל פון הייזער און קאטעדזשעס אין וויני־פעג. מיר האבען אויך א גרויסע צאהל קליענטען און ווען איהר גיט אונז אייער פראפערטי צום פערקויפען זייט איהר זיכער אז זי וועט פערקויפט ווערען.

**אונזער אינשורענס און מאָרטגיידזש דעפארטמענט איז אפ טו דייט.**

**SALTZMAN & LIPSHITZ**

Office: 872 Main St. Real Estate and Financial Brokers Phone St. John 761


# גרויסע מאססענפערזאמלונג

# און דר. הערצעל מעמאָריאַל

וועט שטאטפינדען

**זונטאג, דעם 7־טען דזשולי, פונקט אום 2 אוהר נאכמיטאג,**

**אין קווינס טהעאטער, סעלקירק עוו.**

עס איז די פפליכט פון אלע וויניפעגער אידען ביייצוואוהנען דיזע פערזאמלונג צו פייערן דעם אנדענקען פון דעם גרעסטען אידישען קעמפפער און פאטריאט

# דר. טהעאדאר הערצעל

עס וועלען רעדען הרב כהנאוויטש, י. טשערניאק און לאיער קאהן. רעוועזענד כשרן וועט מאכען די הזכרה.

אויך וועט אפגעגעבען ווערען א בעריכט פון דעם 12־טען ציוניסטישען קאנווענשאן וואס קומט יעצט פאר אין אטאווא פון אונזער ספעציעלען דעלעגאט, חבר א. אסאווסקי.

קומט אלע צו דיזען דאפעלטען היסטארישען מיטינג און ברענגט מיט אייער פאמיליע און פריינדע.

חבר שילער וועט זיין טשערמאן.

מיט ציון'ס גרוס

**בני ציון דוויניפעג**

נ. ב. מיר מאכען דיזען מיטינג ספעציעל אום צוויי אוהר נאכמיטאג אום אייך צו געבען די געלעגנהייט צו קענען פאהרען נאכהער אין פארק.

# אויפמערקזאם.

**זונטאָג, 14טען יולי אום 1.30 נ. מ.**

**וועט געלעגט ווערען**

# דער ווינקעל שטיין פון

# תלמוד תורה

# אויף קאָר. פלאָראַ און טשאַרלס סט.

די ווינקעל שטיינער וועלען פערקויפט ווערען פער אקשען. 2 טאוולען וועלען הענגען אין האל פון דער נייער תלמוד תורה אויף וועלכע עס וועלען אויסגעקריצט ווערען די נעמען פון די וואס וועלען מנדב זיין 100 דאלאר אין טאג פון לעגען די ווינקעל שטיינער (די 100 דאלאר דארפען איינגעצאהלט ווערען 25 דאלאר קעש און דאס איבעריגע אין 15 מאנאטען). פרעזידענט ראבינסאן, רבי כהנאוויטש און פיעלע אנדערע רעדנער וועלען אנטהיל נעה־מען. די תלמוד תורה קינדער וועלען מארשען מיט פאראד.